גליון
ק"ל
אלול
תשפ"ו

כך מקובל אני מרבותי ישמרם א-ל **שכל הזהיר בברכת המזון מזונותיו מצויין לו בכבוד כל ימיו**

(ספר החינוך מצוה ת"ל)

כותב העטרת זקנים אדם המברך ברכת המזון **מתוך הכתב בדקדוק ובכוונה** מסלק מעצמו צרות רבות ואסונות ל"ע.

וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ וּבֵרַכְתָּ

# גליון על הַמָּזוֹן

מטרתו לעורר את גודל מעלת אמירת ברכת המזון בכוונה

"מצאתי למה אין אות פ"א סופית (**ף**) בברכת המזון לפי שכל מי שבירך ברכת המזון בכוונה, אין שולט בו לא חרון **אף** ולא **שצף** ולא **קצף**, ולא **אנף** ולא **אגף** ומזונותיו מצויין לו ברווח ובכבוד על ימיו".

("באר היטב" או"ח הלכות ברכת המזון סימן קפ"ה אות א' - ספר הרוקח סימן של"ז)

# טייערער איד!

## אין די וואכנדיגע סדרה ווען דער הייליגער תורה באפעלט אונז

# "וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ וּבֵרַכְתָּ"

## לאמיר זיך מחזק זיין אין דעם

# מצות עשה דאורייתא

זיך צו וואשן צו 'המוציא' (און נישט אויסקרויזן (Bypass) דעם רבונו של עולם מיט'ן זיך פטר'ן מיט די שאלה'דיגע 'מזונות') און בענטשן ברכת המזון מיטן פולסטן כוונה, צו דאנקען הקב"ה פאר אלעס וואס ער גיבט אונז, און גלייכצייטיג פועל'ט אויס אלע אייערע באדערפענישן ברוחניות ובגשמיות וואס ווערט אלס דערמאנט דורכאויס דעם בענטשן!

## וויאזוי וואגט מען זיך צו בעטן אלע בקשות ביי השי"ת?

ווען מ'בענטש די ברכה פון "הטוב והמטיב" ביי ברכת המזון, רעכנט מען אויס צענדליגע בקשות, עס שפירט זיך ממש ווי מ'איז אין גראסערי און מ'פירט אדורך פראדוקטן, איינס נאכ'ן צווייטן... לְחֵן וּלְחֶסֶד וּלְרַחֲמִים וּלְרֶוַח, הַצָּלָה וְהַצְלָחָה, בְּרָכָה וִישׁוּעָה, נֶחָמָה פַּרְנָסָה וְכַלְכָּלָה וכו', און שפעטער אלע "הרחמן'ס", לכאורה איז דאס אומפארשטענדליך, וויאזוי קען א מענטש, א בשר ודם, האבן די העזה צו בעטן ביים באשעפער געב מיר נאך און נאך און נאך?

נאר עס שטייט אין דעם ספר "דברת שלמה" פון דעם הייליגן צדיק רבי שלמה לוצקער זי"ע, וועלכער איז געווען א תלמיד פון דעם הייליגן מגיד פון מעזריטש זי"ע, זאגט ער אזוי: **איך האב געהערט פון מיין רבי'ן, וויאזוי קען זיך א מענטש, א בשר ודם דערוואגן זיך צו שטעלן דריי מאל א טאג און בעטן ביים אייבערשטן פאר אלע זיינע צרכים?** (ער באציט זיך לגבי שמונה עשרה, אבער די פראגע איז גילטיג ביי ברכה"מ אויך), **ענטפערט ער מיט א משל, שטעלט אייך פאר א קעניג דינגט אן ארבייטער זאל ארבעט ביי אים אין גארטן ער זאל איינפלאנצן און באוואסערן דעם גארטן, און דורכאויס די ארבעט דארף דאך דער ארבייטער צו עסן און זיינע אנדערע באדערפענישן, וועט ער גיין צום קעניג און זאגן אז איך דארף דאס און דאס כדי צו קענען ארבעטן, און דער קעניג וועט אים גערן צושטעלן אלע זיינע געברויכן מיט א געוואלדיגע שמחה אבי דער ארבייטער זאל האבן כח און חשק צו ארבעטן ווייטער.**

**וואס פאסירט אבער אויב דער ארבייטער פוילט זיך אונטער, און ער ארבעט נישט פלייסיג, אזא איינער דארף זיך שעמען צו בעטן ביים קעניג זיינע געברויכן, ווייל ער ארבעט דאך גארנישט.**

**ווען א מענטש דינט דעם אייבערשטן, מלכו של עולם - פירט אויס דער הייליגער מעזריטשער מגיד - דינט איר דעם דאך באשעפער, ממילא האט ער דעם פולסטן רעכט צו בעטן אויף אלע זיינע געברויכן ווייל ער דארף דאך האבן כח פאר עבודת השם.**

דאס זעלבע קען מען זאגן ביי ברכת המזון, מ'רעדט אויס ביים תפילה פון "נודה לך" ווי געטריי מיר זענען פאר'ן קעניג, "על תורתך שלמדנו", "על חקך שהודעתנו" א.א.וו. ממילא קען מען קומען און מיט א פולן מויל קענען מיר בעטן אלע אונזערע געברויכן כדי אז מיר זאלן האבן כח צו דינען דעם הייליגן באשעפער.

[מפי המגיד העולמי הרה"ג ר' אברהם מרדכי מלאך שליט"א בשיעוריו הנפלאים על "ברכת המזון"]

למי שיש סיפורים, עובדות, מאמרים ודברי תורה בגודל מעלת אמירת ברכת המזון בכוונה
או להערות והארות אפשר לפנות למייל: AlHamuzoin@gmail.com

**נתנדב לעילוי נשמת כ"ק מרנא ורבנא**

הרבי ר' ברוך ב"ר יחיאל מיכל זי"ע ממעזבוש - הרבי ר' מנחם מענדל ב"ר יוסף זי"ע מרימנוב - הרבי רבי אלימלך ב"ר אלעזר ליפמאן זי"ע מליזענסק
רבי לוי יצחק בן שרה סאשא זי"ע מבארדישטוב - רבי ישראל דוב בער ב"ר יוסף זי"ע מוועלעדניק - רבי ישכר בער בן ר' יצחק זי"ע מראדאשיץ
רבי נחמן בן שמחה בן פייגא זי"ע מברסלב - רבי ישראל מאיר בן ר' אריה זאב זי"ע בעל ה'חפץ חיים" - רבי משולם פייש בן רבי מרדכי בן צירל זי"ע מטאהש
הרבי ר' ישעי' ב"ר משה זי"ע מקערעסיטיר - רבי שלום ב"ר מרדכי יוסף משה זי"ע משאץ - רבי אליעזר שלמה ב"ר מנחם זאב זצ"ל
רבי יעקב חיים ישראל רפאל בן רבי יצחק ושרה אלפייה זצ"ל